# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של האדמו"ר מקאסוב זצ"ל

פרשת בהעלותך
שנת תשפ"ה

גליון ל"ה


## הַבּוֹחֵר בְּעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה (ג)

### טרעפן די אהבה דורך השתוקקות

די הויפט חילוקים צווישן אהבה התלויה בדבר און אהבה שאינה תלויה בדבר | **א קינד קען מען נישט טוישן אדער ערזעצן מיט א צווייטן** | דער תכלית פון אלע מצוות איז צו צייגן אז מיר זענען דעם אויבערשטנ'ס קינדער | **מיר דארפן זיך איינ'חזר'ן אז מיר זענען באליבט ביים אויבערשטן** | אין שוואכע צייטן דארף מען געדענקען אז דער רבש"ע קוקט יעצט דאס מערסטע ארויס | **כאטש ס'איז דא א הסתר פנים אין גלות איז די אהבה נישט אוועקגעגאנגען** | די אהבה קען יעדער איד שפירן לויט ווי שטארק ער איז עס מעורר ביי זיך אין הארצן | **דער עיקר מדריגה פון תשובה איז געדענקען אז די אהבה איז ווייטער דא** | דוד המלך האט אונז אויסגעטראטן דעם וועג אז דער אויבערשטער האט אונז ליב אין יעדן מצב | **כדי זוכה צו זיין צו השראת השכינה מוז מען עס זוכן**

## אריינפיר

אין די פריערדיגע גליונות האבן מיר אויסגעשמועסט אז ווען א איד איז אין א שווערן מצב בגשמיות אדער ברוחניות, איז דער תכלית דערפון אז ער זאל זיך איינ'חזר'ן אז די אהבה פונעם אויבערשטן טוישט זיך גארנישט, אפגעזען אין וועלכן מצב ער געפינט זיך.

די וואך רוקן מיר זיך פאראויס בעז"ה, און מיר וועלן לערנען אז דער זעלבער געדאנק איז אויך שייך אויף פארקערט, ווען די עבודת ה' גייט יא ווי מען וויל. ווען א מענטש געפינט זיך אין א דערהויבענעם מצב, עס דאוונט זיך און עס לערנט זיך גאר געשמאק, דארף ער אויך געדענקען און וויסן אז כאטש דער תענוג אין הימל פון זיין עבודה איז אין לשער ואין לתאר און ס'איז מעורר די אהבה פונעם אויבערשטן צום מענטש, דאך איז די עצם ליבשאפט פונעם אויבערשטן יעצט גארנישט גרעסער געווארן בלויז לכבוד דעם, **ווייל אהבת ה' גייט אייביג אן אויפ'ן גרעסטן פארנעם און עס קען נישט ווערן שטארקער אדער שוואכער.**

אזוי אויך וועלן מיר מסביר זיין אז אהבת ה' קען מען שפירן, לויט ווי שטארק עס איז די השתוקקות וואס א איד האפט צום אויבערשטן. ממילא אפילו היינטיגע צייטן, אז עס איז נישטא קיין השראת השכינה אין דעם מקום המקדש, קען מען נאך אלץ – און אין א געוויסן זין אפילו נאכמער ווי בזמן הבית – צוקומען צו קירבת אלוקים.

### א

## דער תכלית פון אלע מצוות

### א קינד קען מען נישט ערזעצן

אלע מצוות וואס מיר זענען מקיים, און בפרט די מצוות מעשיות וואס מיר זענען מקיים מיט'ן גוף, קומען בעיקר מעורר צו זיין די נקודה אז **די ליבשאפט פונעם אויבערשטן איז נישט אנגעהאנגען אין קיין שום דרויסנדיגער זאך**, און עס איז נישטא קיין שום סיבה אויסער דעם אז מיר זענען די באליבטע קינדער פונעם אויבערשטן.

לאמיר דאס אויסשמועסן אביסל ברייטער.

מיר האבן שוין מאריך געווען אין דעם פריערדיגן גליון דעם חילוק צווישן צוויי סארטן אהבה. עס איז דא אן אהבה וואס איז תלוי אין א געוויסער סיבה, ווי למשל אן ארבעטער וואס שטעלט צו א גוטן סערוויס פאר זיין בעל הבית, וואס דאן איז דער קשר אנגעהאנגען אין א דרויסנדיגער זאך; דערנאך איז דא אן אהבה צווישן צוויי נאנטע חברים, אדער נאך שטארקער – צווישן א טאטע און זיין קינד, וואס האט נישט מיט קיין שום אנדערער סיבה נאר עס איז אן אהבה עצמיות וואס האלט אן אין סיי וועלכן פאל.

איינער פון די הויפט חילוקים וואו מען קען זען אויב די אהבה איז תלויה בדבר אדער נישט, איז אויב א צווייטער קען צושטעלן די זעלבע זאך. ביי א קשר וואס איז אנגעוואנדן אין ביזנעס, דאן קען זיין אז מארגן וועט דער בעל הבית טרעפן א בעסערן ארבעטער וואס קען צושטעלן דעם זעלבן סערוויס פאר א בעסערן פרייז, און מיטאמאל וועט דער ערשטער ארבעטער זיין גענצליך איבריג ביים בעל הבית טראץ דעם שטארקן קשר וואס זיי האבן געשאפן.

אנדערש איז אבער ביי א טאטע וואס האט ליב א קינד, וואס דאן איז נישט שייך אז עס זאל קומען א צווייטער מענטש און זאגן, "ר' איד, איך וועל דיר צושטעלן אלעס וואס דיין קינד שטעלט דיר צו, איך וועל דיך מכבד זיין, איך וועל דיך זעצן אויבנאן ביי מיינע שמחות, איך וועל דיר קומען באזוכן איינמאל א וואך, און איך וויל אז דו זאלסט מיך ליב האבן ווי דיין אייגן קינד..." ס'גייט נישט אזוי! די אהבה פון א טאטן צו א קינד איז א פערזענליכע אהבה וואס איז אויסשליסליך צום קינד, **און א צווייטער קען דאס נישט ערזעצן** ('בית אהרן', במדבר ד"ה היוצא לנו).

### פארוואס קען מען נישט ערזעצן קיין מצוות מעשיות?

דערפאר זעט מען אז די מצוות מעשיות, אזעלכע מצוות ווי היטן שבת, לייגן תפילין, עסן

> **כאטש דער תענוג אין הימל פון דעם איד'ס עבודה איז אין לשער ואין לתאר, דאך אבער איז די עצם ליבשאפט פונעם אויבערשטן יעצט גארנישט גרעסער געווארן, ווייל אהבת ה' גייט אן שטענדיג און עס קען נישט ווערן שטארקער אדער שוואכער.**

מצה וכדומה – און אפגערעדט די מצוות לא תעשה, ווי זיין אפגעהיטן פון מאכלות אסורות, ראיות אסורות און אזוי ווייטער – **קען נאר געטון ווערן דורכ'ן מענטש אליין.** עס איז נישט שייך אז מען זאל מאכן א שליח, אז א צווייטער זאל עסן מצה פאר אים אדער אז א צווייטער זאל זיין אפגעהיטן אין איסור שעטנז אנשטאט אים, ווייל דאס מוז געטון ווערן דורכ'ן מענטש אליין, מיט זיין אייגענעם גוף.

די סיבה פארוואס מיר מוזן אליין טון די מצוות, איז ווייל **קיינער קען דאס נישט ערזעצן!** עס איז נישט דער געדאנק אז דער אויבערשטער דארף האבן איינער וואס טוט מצוות און ממילא האט ער אויסגעקליבן דאס אידישע פאלק אז מיר זאלן אים צושטעלן די ארבעט. ניין! דער אויבערשטער האט אונז ליב, און **דערפאר האט ער אונז געגעבן די מצוות.** דאס איז עפעס וואס נאר מיר אליין קענען צושטעלן, ווייל דאס איז א פערזענליכע אהבה. דער אויבערשטער וויל דווקא אונזער עבודה, ווייל ער וויל **אונז** (כתבי המגיד הגדול זי"ע בכת"י וע"ע ב'מגיד דבריו ליעקב' סי' רס"ז ו'באור תורה' סי' שס"ג; 'תולדות יעקב יוסף', יתרו אות ו'; שם שלח אות ז'; 'בת עין', בחוקותי ד"ה אם בחוקותי).

## האלטן דעם תכלית פאר די אויגן

ווען א איד שטעלט זיך דאווענען, ער טוט אן ציצית, ער לייגט תפילין, **דארף ער געדענקען אז דער תכלית פון די אלע מצוות איז צו צייגן אז מיר זענען די קינדער פון אויבערשטן.** די אלע מצוות וואס מיר טוען ווייזן אויפ'ן נאנטן קשר וואס מיר האבן מיט אים, מיר לייגן תפילין צו געדענקען די ניסים פון יציאת מצרים, מיר טוען אן ציצית כדי צו געדענקען אז מיר דארפן אים דינען, און אזוי ווייטער. דאס זענען אלעס פעולות וואס מיר טוען מיט אונזער גוף, כדי איינצובאקן אין זיך אז **ער האט אונז ליב מיט אן אייביגער אהבה**, און קיינער קען נישט טון די ארבעט אנשטאט אונז.

ווען א איד ווערט חלילה אפגעשוואכט אין עבודת ה', דארף ער נאך אלץ געדענקען אז באמת איז דער תכלית פון אלע מצוות אז **מיר זאלן זיך איינ'חזר'ן כסדר אז מיר זענען באליבט ביים אויבערשטן**, און אין א שוואכערער תקופה דארף מען זיך נאך אסאך שטארקער איינ'חזר'ן אז די אהבה פונעם אויבערשטן איז א פערזענליכע אהבה דירעקט פונעם אויבערשטן צו אונז. ממילא, אנשטאט וואס מען זאל זיך אפשוואכן אין עבודת ה' אין א שווערער תקופה, און זיך איינרעדן אז דער אויבערשטער וויל נישט אונזער עבודה ווען מיר זענען נישט אין בעסטן מצב, זאל מען זיך איינ'חזר'ן אז **דווקא אין אזא צייט קוקט דער אויבערשטער ארויס דאס מערסטע אז מיר זאלן מקיים זיין די מצוות,** און דורכדעם וועלן מיר דערקלערן אונזער נאנטן קשר מיט'ן רבונו של עולם אז ער האט אונז שטענדיג ליב ('תפארת שלמה' ויגש ד"ה א"י ויגש; 'רסיסי לילה' לרבי צדוק הכהן אות ל"ה; ועוד רבות).

ב

# דער באשעפער קוקט כסדר אויף אונז

## פארוואס דארפן מיר קוקן אויף די ציצית?

מיר זעען ביי דער מצוה פון ציצית, אין דער פרשה פון ויאמר, וואס מיר זאגן צופרי און ביינאכט, אז דער אויבערשטער באפעלט אונז מיט אן אינטערעסאנט לשון: "וראיתם אותו וזכרתם את כל מצוות ה'" (במדבר טו, לט). לכאורה דארף מען פארשטיין, **וואס איז דער פשט אין דעם "וראיתם אותו"?** פארוואס דורכ'ן קוקן אויף די ציצית וועט מען געדענקען די מצוות פונעם אויבערשטן, און וואס פעלט אויס דאס קוקן כדי זיך צו דערמאנען די מצוות ה'?

נאר דא ליגט באהאלטן א גאר טיפער הסבר, וואס איז מרמז אויף דעם ענין וואס מיר שמועסן דא אויס, איבער דער גרויסער אהבה פונעם אויבערשטן צו אונז אידן, און מיר וועלן דאס אויסשמועסן באריכות.

עס זענען דא צוויי סארטן וועגן פון זען א זאך. עס איז דא א פשוט'ער וועג פון זען עפעס, וואס דער מענטש קוקט אויף א זאך און ער זעט וואס דאס איז, און **דערנאך איז דא א טיפערע זען,** וואס דאס איז אסאך מער ווי א פשוט'ער בליק. למשל ווען א טאטע קוקט אויף זיין קינד, דעמאלט איז עס א פאטערליכער קוק, און מיט'ן קוקן אויף זיין קינד ווייזט דער טאטע ארויס זיין אהבה.

ווען די תורה זאגט אונז "וראיתם אותו", מיינט מען דא אט דעם טיפן 'וראיתם', אז מיט'ן קוקן אויף די ציצית זאל מען דערמיט זיך דערמאנען די געוואלדיגע אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו אונז, וואס די אהבה פון א טאטע צו א קינד איז ניטאמאל א משל צו דער אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו יעדן איינציגן איד באשר הוא שם. **ווען מיר קוקן אויף די ציצית דארפן מיר געדענקען אז דער אויבערשטער האט אונז באפוילן די אלע מצוות,** ווייל ער האט אונז ליב. ער וויל אז מיר זאלן דאס וויסן און געדענקען, און דערפאר האט ער אונז געגעבן אזויפיל מצוות, אז מיר זאלן שטענדיג האלטן אין קאפ די אהבה וואס ער האט צו אונז ('מאור עינים', לך לך ד"ה בגמרא דסוטה; ועוד).

דער כוח מעורר צו זיין די אהבה פון דעם אויבערשטן געפינט זיך ביי יעדן איד, ווייל דאס איז אן אהבה שאינה תלויה בדבר, ווי מיר האבן שוין אויסגעשמועסט (אין די פריערדיגע גליונות). די אהבה איז העכער יעדן שכל'דיגן הסבר, און עס האט נישט קיין טעם אדער סיבה, ממילא קען מען אייביג מעורר זיין די אהבה פונעם אויבערשטן.

## די מדריגה פון לראות את פני אין בית המקדש

די געוואלדיגע מדריגה פון זען מיט א קלארקייט די אהבה פונעם אויבערשטן, האט כלל ישראל געהאט זייענדיג אין ירושלים בזמן הבית. יעדן יום טוב זענען מיר געגאנגען עולה רגל זיין צום בית המקדש, און דער פסוק רופט דאס אן "לראות את פני". ווי חז"ל דרשנ'ען (חגיגה ב.) אז עס איז געווען "**לִרְאוֹת" און "לֵרָאוֹת"**, **צו זען און צו געזען ווערן** כביכול פונעם אויבערשטן. דאס הייסט אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם הימלישן תענוג, צו קענען שפירן ווי דער אויבערשטער קוקט אויף אונז מיט אזא נאנטשאפט און ליבשאפט, און לעומת זה האט דער אויבערשטער כביכול געהאט א געוואלדיגן תענוג צו זען כלל ישראל ('דברי חיים' לחנוכה ד"ה בגמרא שבת; 'סידורו של שבת', חלק א' שורש א' ענף א').

ווען אידן זענען געווען אין ארץ ישראל בזמן הבית, האבן זיי שטענדיג געהאט די זכיה צו שפירן די אהבה פונעם אויבערשטן, ווי דער פסוק זאגט (דברים יא, יב): "עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה". אבער ליידער זענען מיר געגאנגען אין גלות, און **זייט דעם חורבן בית המקדש איז כלל ישראל אין א שטענדיגן מצב פון הסתר פנים**. דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט כביכול באהאלטן זיין פנים, און מיר זעען נישט אפן די השגחה עליונה, און עס איז נישטא די גרויסע מדריגה פון קענען זען דעם אויבערשטן, נאר דאס איז די מדריגה פון 'ונראהו עין בעין' וואס מיר וועלן זוכה זיין ווען משיח וועט קומען [זע תוספת נופך א'].

## ווי שטארקער מען איז מעורר די אהבת ה' ביי זיך, אלץ מער קען מען עס שפירן

**אבער עם כל זה איז די אהבה נישט פארלוירן געגאנגען!** כאטש פונדרויסן קען מען דאס נישט שפירן, דאך קען מען דאס שטענדיג מעורר זיין

אין הימל. ווייל די אהבה איז דאך נישט תלוי אין קיין שום חיצוניות'דיגער מציאות, און אפילו דער חורבן בית המקדש, וואס איז געווען די שרעקליכסטע צרה פאר כלל ישראל, **איז אויך נאר געווען א חיצוניות'דיגער חורבן** וואס האט געברענגט א חיצוניות'דיגע הסתר פנים, אבער פון אינעווייניג איז געבליבן די אהבה מיט דער זעלבער שטארקייט און ברען.

וויאזוי קען א איד זוכה זיין צו שפירן די געטליכע אהבה און שפירן ווי דער אויבערשטער קוקט שטענדיג אויף אים? וויאזוי קענען מיר אויפוועקן די געוואלדיגע אהבה כאטש וואס מיר זענען אין גלות?

דער ענטפער איז אז יעדער איד קען זוכה זיין דאס צו שפירן, **לויט ווי שטארק ער איז דאס מעורר ביי זיך אין הארצן**. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהילים (לג, יח): "עיני ה' אל יראיו למיחלים לחסדו" – די 'אויגן' פונעם אויבערשטן זענען געווענדן צו די וואס האבן מורא פון אים וואס האפן צו זיין חסד. דאס מיינט אז **די הויכע מדריגה פון פילן ווי דעם אויבערשטנ'ס אויגן זענען שטענדיג געווענדן צו אונז**, ווענדט זיך לויט ווי שטארק אונזער יראת שמים איז און לויט ווי שטארק מיר קוקן ארויס אויף אים.

וואס מער א איד חזר'ט זיך איין אז **"איך בין גענצליך אנגעוואנדן אויף די חסדים פונעם אויבערשטן"**, און וואס מער א איד אנערקענט אז דער אויבערשטער איז אונזער ליבליכער טאטע וואס וויל נאר אונזער גוטס, אלץ מער וועט ער קענען זען מיט די אייגענע אויגן ווי דעם אויבערשטנ'ס אהבה שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ. ווייל **אפילו ווען מיר זענען אין גלות מיינט דאס נאכנישט אז די אהבה פון דעם אויבערשטן איז אפגעשוואכט**, נאר אז מיר דארפן ארבעטן שווער דאס אליין צו אנערקענען, און איינמאל מיר קומען אן צו דער הכרה אז די אהבה פונעם אויבערשטן איז אן קיין גרעניץ און אן קיין ענדע, דאן עפענען זיך די טויערן פון אהבת ה' און מען קען זוכה זיין אליין צו שפירן די 'עיני ה' אל יראיו' וואס קוקן אויף אונז מיט ליבשאפט.

## כנסת ישראל נמשלה ליונה

מיט דעם הסבר קען מען פארשטיין דאס מורא'דיגע לשון וואס דער טור ברענגט אין הלכות תפילה (או"ח סי' קכ"ה) אלס א סמך צו דעם מנהג אשכנז אז **מען הייבט אויף די אויגן צום הימל ביים זאגן 'קדוש, קדוש, קדוש'**, און דער טור ברענגט דערויף פון פרקי היכלות, וואס שרייבט אז כביכול דער אויבערשטער רופט צו דער פמליא של מעלה, די העכסטע מלאכים וואס זענען פון די יורדי מרכבה, אז זיי זאלן גיין זאגן פאר כלל ישראל אז בשעת די אידן הייליגן דעם אויבערשטן און זיי זאגן 'קדוש, קדוש, קדוש' און זיי הייבן זיך אויף צום הימל, דאן זאלן זיי אויפהייבן די אויגן צום באשעפער, און ער האט נישט קיין גרעסערע הנאה פון דעם ווי אין די דאזיגע מינוטן ווען **זיינע אויגן זענען אויפגעהויבן צו אונזערע אויגן און אונזערע אויגן זענען אויפגעהויבן צו זיינע אויגן** [זע תוספת נופך ב'].

**דא זאגט אונז דער אויבערשטער אז די עצם זאך אז א איד הייבט אויף די אויגן צום אויבערשטן, וואס דאס מיינט אז ער אנערקענט די אהבה פונעם אויבערשטן, איז מעורר אזא אויסטערלישע אהבה, אז מען איז זוכה ממש צו דער מדריגה פון 'ונראהו עין בעין', וואס מיר האבן זוכה געווען אין די העכסטע זמנים פון יאר בזמן שבית המקדש היה קיים!**

אויף דעם איז מרמז דער פסוק אין שיר השירים (ב, יד): "יונתי בחגוי הסלע" – כלל ישראל ווערט צוגעגליכן צו א טויבעלע וואס באהאלט זיך אין די שפאלטנס פון א פעלזנשטיין. פארוואס ווערט מען צוגעגליכן צו דעם משל פון א טויב אין א פעלזנשטיין?

נאר פשט דערפון איז אז דער פסוק רעדט פון אידן בזמן הגלות. **אין דעם יעצטיגן מצב זענען מיר צוגעגליכן צו א יונה וואס דארף אוועקגיין פון איר נעסט כדי צו ברענגען עסן**, אבער מיט דעם אלעם קוקט זי פונדערווייטנס אויף איר נעסט און איר בליק טוט זיך נישט אפ פון אירע קליינע טייבעלעך. אפילו ווען די יונה פליט גאר ווייט, און איז באהאלטן אין די שפאלטנס פון א שטיין, פונדעסטוועגן וועט זיך איר אהבה קיינמאל נישט אפטון, דורכדעם וואס זי האלט אין איין קוקן אויף איר נעסט.

דאס זעלבע איז מיט כלל ישראל, אז אפילו ווען מיר זענען אין גלות און די אהבה פונעם אויבערשטן איז באהאלטן, **מיט דעם אלעם קענען מיר געבן איין 'בליק' אויפ'ן אויבערשטן**, און זיך דערמאנען די גרויסע אהבה וואס ער האט צו אונז, און מיט דעם וועלן מיר איינזען אז דעם אויבערשטנ'ס אהבה האט זיך גארנישט געטוישט ('קדושת לוי' שיר השירים ד"ה הנך).

ג

# השראת השכינה אן א בית המקדש

## צוויי מדריגות אין תשובה

לויט דעם וואס מיר שמועסן, קען מען ערקלערן דערמיט א שווערע סתירה אין מדרשי חז"ל. מיר ווייסן אז צוליב די גרויסע חטאים פון די מלכי ישראל, איבערהויפט פון מנשה מלך ישראל וועלכער האט אריינגעשטעלט א צלם אין דעם היכל ל"ע, איז דער ערשטער בית המקדש חרוב געווארן, אבער מיט דעם אלעם זעען מיר אין חז"ל אז **ווען די גוים זענען געקומען און געפייניגט מנשה המלך מיט ביטערע יסורים האט ער תשובה געטון** און דער באשעפער האט אויסגעגראבן א לאך פון אונטער דעם כסא הכבוד כדי אריינצונעמען מנשה המלך, כאטש וואס אלע מלאכים האבן גע'טענה'ט אז מען זאל אים נישט אננעמען (ירושלמי סנהדרין פ"י ה"ב).

לכאורה איז שווער צו פארשטיין: אויב האט דער באשעפער מקבל געווען זיין תשובה, וויאזוי קען זיין אז דער בית המקדש איז נאך אלץ חרוב געווארן?

נאר עס שטייט אין די ספרים אז ווען א איד טוט תשובה אויף אן עבירה, דארף ער תשובה טון אויף צוויי באזונדערע שטאפלען: **צוערשט דארף ער תשובה טון אויף דעם וואס ער האט געטון די עבירה** און זיך דערווייטערט פונעם רבונו של עולם, און ער דארף זיך מקבל זיין אז ער וועט עס מער נישט טון, אבער דערנאך דארף ער תשובה טון אויף דעם וואס ער האט אפגעמאכט ביי זיך אז איינמאל ער איז אריינגעפאלן אין עבירות האט אים דער באשעפער מער נישט ליב און אז פון יעצט און ווייטער איז ער שוין סייווי א פארפאלענער און האט נישט פארוואס זיך אנצושטרענגען צו טון דעם רצון ה' ('אוהב ישראל' ליקוטים עקב ד"ה והנה; 'ליקוטי תורה' מהמגיד מטשערנאביל הדרכות הדרכה י"ד; 'עבודת ישראל' לשבועות ד"ה ועתה).

דער צווייטער שטאפל פון תשובה איז דער עיקר, און דאס איז וואס פארלאנגט די שווערסטע עבודה, זיך אריינצונעמען אין קאפ אז **די אהבת ה' טוישט זיך נישט אפילו נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט**, און אז מען דארף זיך מחזק זיין זיך צו שטארקן אין עבודת ה' אפילו מען איז מערערע מאל דורכגעפאלן. לויט דעם איז זייער פארשטענדליך, אז כאטש וואס מנשה האט תשובה געטון אויף דער עבירה פון עבודה זרה, דאך האט ער נישט מצליח געווען אריינצוברענגען מיט זיין תשובה ביי די אידן דעם מושג אז **"דער אויבערשטער האט ליב אונזער עבודה אין יעדן מצב"**, און דערפאר זענען אידן ווייטער אריינגעפאלן אין חטאים ביז דאס האט ליידער

**עס איז נישט דער געדאנק אז דער אויבערשטער דארף האבן איינעם וואס טוט מצוות און ממילא האט ער אויסגעקליבן דאס אידישן פאלק אז מיר זאלן אים צושטעלן די ארבעט. ניין! דער אויבערשטער האט אונז ליב, און דערפאר האט ער אונז געגעבן די מצוות.**

**עם כל זה איז די אהבה נישט פארלוירן געגאנגען! כאטש פונדרויסן קען מען דאס נישט שפירן, דאך קען מען דאס שטענדיג מעורר זיין אין הימל, ווייל די אהבה איז נישט תלוי אין קיין שום חיצוניות'דיגער מציאות.**

צוגעפירט צום חורבן הבית (עיין ברמתים צופים, תנא דבי אליהו פרק ה' אות נ"ז בשם הרה"ק מפשיסחא זי"ע; מי השלוח וישב ד"ה וירד).

## דער אורו של משיח איז געקומען בשעת דער שריפת בית אלוקינו

אזוי אויך זעט מען ביים צווייטן בית המקדש, בשעת דער בית המקדש האט געפלאקערט אין די שרעקליכע פלאמען וואס די רוימער האבן אונטערגעצונדן, שטייט אין חז"ל א פלא'דיגע מדרש (איכה רבה א, נא): אין יענעם טאג וואס די רוימער זענען אריינגעקומען אין ירושלים, איז א איד געשטאנען אויפ'ן פעלד און געוואלט אקערן מיט זיין קו, אבער די קו האט זיך אראפגעווארפן אויף דער ערד און נישט געוואלט אקערן. דער איד האט געשלאגן די קו אבער גארנישט האט זיך נישט גערוקט, די קו האלט נישט ביים טון די ארבעט. ביז דער איד האט געהערט א בת קול, "וואס ווילסטו פון דער קו?! לאז איר אפ, ווייל זי קלאגט אויפ'ן בית המקדש וואס ווערט היינט פארברענט!" ווען דער איד האט דאס געהערט, האט ער זיך צעריסן זיינע קליידער, געלייגט אש אויף זיין שטערן און אנגעהויבן וויינען. נאך א צוויי-דריי שעה איז די קו אויפגעשטאנען, און אנגעהויבן טאנצן מיט פרייד. דער איד האט זיך זייער געוואונדערט, און דאן האט ער געהערט א בת קול: **"גיי אקערן, ווייל יעצט איז געבוירן געווארן משיח!"**

דאס איז לכאורה זייער שווער צו פארשטיין, ווייל ווי קען זיין אז דווקא ווען די אידן זענען געווען בשפל המצב, ווען בית קדשינו ותפארתינו איז אויפגעגאנגען אין פלאמען, האט דער אויבערשטער אראפגעשיקט די נשמה פון משיח אויף דער וועלט? איז דען געווען שייך א נידריגערער מצב ביי כלל ישראל?

נאר דער פשט מוז זיין אז דער אויבערשטער האט דייקא דאס געוואלט ווייזן. ער האט געוואלט זאגן פאר כלל ישראל, **"די סיבה פארוואס דער בית המקדש מוז פארברענט ווערן איז נישט נאר צוליב די עבירות, נאר בעיקר ווייל איר ווילט נישט אנערקענען אין מיין גרויסער ליבשאפט צו כלל ישראל!"** און דערפאר האט ער דווקא דעמאלט אראפגעשיקט די נשמה פון משיח, צו ווייזן אז אפילו אין דעם יעצטיגן חורבן האט שוין דער אויבערשטער באשאפן די שפעטערדיגע גאולה, ווייל באמת האט די אהבה פונעם אויבערשטן זיך גארנישט געטוישט אפילו בשעת אידן זענען געווען בשפל המצב.

דער 'אור של משיח' וואס איז אראפגעקומען אויף דער וועלט ביים שרעקליכן חורבן, ווען עס האט זיך פארלאשן די ליכטיגקייט פון דער וועלט און די זון און לבנה זענען פארטונקלט געווארן, פלאטערט ביי יעדן איד אין הארץ, און זאגט אונז אן די גוטע בשורה אז אפילו אין דעם שווערסטן מצב, ווען דער בית המקדש גייט אויף אין פלאמען, מיט דעם אלעם ווארט דער אויבערשטער אויף אונז און ער קוקט ארויס אויף אונזער עבודה. אז מ'טראכט אריין אין דעם ענין, און מען איז זיך מתבונן אין דער געוואלדיגער אהבה, פארשטייט מען אז דער אויבערשטער האט אונז ליב מיט אן אמת'ער אהבה וואס האט נישט קיין שום הסבר, און יעדער איד קען זיך מקשר זיין מיט דעם ווען אימער ער וויל.

## דוד המלך האט אויסגעטראטן דעם וועג וויאזוי תשובה צו טון

דער יסוד איז אראפגעשטעלט געווארן דורך דוד המלך, וועלכער האט זיין גאנץ לעבן אוועקגעגעבן מיט א געוואלדיגער תשוקה זיך מדבק צו זיין אין דעם בורא כל עולמים, ווי מיר זעען אין די אומצאליגע פסוקים אין תהילים וואו דוד דריקט אויס זיין גרויסע בענקשאפט און לעכצעניש צו קענען זיין נאנט צום אויבערשטן, לראות עוזך וכבודך. אין יעדן שווערן מצב אין וועלכן דוד האט זיך פארפלאנטערט, ווען זיינע שונאים זענען אים נאכגעלאפן און עס האט אויסגעזען ווי עס האלט שוין אט, אט – האט ער זיך פונדעסטוועגן געהאלטן פעסט מיט איין זאך: **איך ריר זיך נישט אוועק פונעם אויבערשטן,** ווייל דער אויבערשטער האט מיך ליב און ער וויל נאר מיין גוטס.

אפילו ווען עס האט פאסירט די מעשה מיט בת שבע, וואס עס האט אויסגעזען כאילו דוד המלך איז באגאנגען א גרויסע חטא און דאס האט שטארק פוגע געווען אינעם כבוד פון דוד המלך, האט ער מיט דעם אלעם זיך נישט פארלוירן, **ווייל ער האט דא געהאט א געלעגנהייט צו דערקלערן פאר גאנץ כלל ישראל אז דער אויבערשטער האט ליב אונזער עבודה אין יעדן מצב וואס זאל זיך נישט טרעפן.** דערפאר שטייט אין גמרא (עבודה זרה ד.): "לא היה דוד ראוי לאותו מעשה וכו' ליתן פתחון פה לבעלי תשובה". דוד המלך האט אויסגעלערנט די געוואלדיגע טיפע עמקות פון תשובה, אז דער עיקר דארף מען תשובה טון אויף דער פסול'ער מחשבה אז **אויב מען טרעפט זיך אין א שפילות מיינט אז דער אויבערשטער דארף אונז מער נישט האבן.** דאס איז דער גרעסטער חורבן וואס קען קומען אויף א מענטש, וואס איז נאך ערגער פון דעם חורבן בית המקדש!

דוד המלך האט דערמיט אויסגעטראטן א וועג, אז היות יעדער איד איז באליבט ביים רבונו של עולם אן קיין שום באדינגונגען, און יעדער איד איז א קינד פונעם אויבערשטן, האט קיינער האט נישט קיין רעכט צו זאגן אז "דער אויבערשטער דארף נישט מיין עבודה". אז מען טרעפט זיך אין א פראבלעם, **אנשטאט אריינצופאלן אין יאוש, דארף מען אין אזא צייט זיך שטארקן מיט'ן 'אורו של משיח',** די ליכטיגקייט וואס איז אנטפלעקט געווארן ביים זמן החורבן, אז דער אויבערשטער האט אן אויסערגעווענליכע ליבשאפט צו זיין פאלק, וואס איז נישט מעגליך אפצושאצן מיט ווערטער און אפמעסטן לויט פעולות, ווייל דאס איז העכער יעדן זמן און גרעסער פון סיי וועלכער פראבלעם אין וואס מען געפינט זיך.

## די אהבת ה' איז העכער ווי אלעס אויף דער וועלט

מיט דעם איז אויך פארשטענדליך פארוואס מיר זעען אז דוד המלך אליין האט נישט געבויט דעם בית המקדש, אזויווי דער נביא האט געזאגט פאר דוד: "רק אתה לא תבנה הבית" (מלכים-א ח, יט). דאס איז זייער שווער צו פארשטיין. דוד המלך האט דאך אגאנץ לעבן אזוי שטארק משתוקק געווען און ארויסגעקוקט אז ער זאל שוין זוכה זיין צו בויען דאס הייליגע הויז פאר'ן באשעפער, ער האט אזויפיל מתפלל געווען 'מתי אבוא ואראה פני אלוקים', איז פארוואס האט דער אויבערשטער נישט געוואלט אז ער זאל בויען דעם בית המקדש?

נאר די עמקות דערפון איז אז דוד המלך האט זוכה געווען צו אזא געוואלדיגער קירבת אלוקים, ווייל ער האט פארשטאנען אז דעם אויבערשטנ'ס אהבה שטילט זיך נישט אפ אין קיין שום מצב, **ממילא האט בכלל נישט אויסגעפעלט פאר אים צו בויען דעם בית המקדש,** ווייל ער האט איבעראל געלעבט מיט דער זעלבער קירבת אלוקים. אזויווי דוד המלך האט אליין מעיד געווען אויף זיך, "אם אסק שמים שם אתה, ואציעה שאול הנך", און אזוי אויך האט ער געזאגט, "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי".

**דוד המלך האט אויסגעלערנט די געוואלדיגע טיפע עמקות פון תשובה, אז דער עיקר דארף מען תשובה טון אויף דער פסול'ער מחשבה אז אויב מען טרעפט זיך אין א שפילות מיינט עס אז דער אויבערשטער דארף אונז מער נישט האבן.**

דוד המלך האט זיך אויסגעארבעט צו אזא הויכער מדריגה, אז **ער האט 'געלעבט' מיט אהבת ה' אויפ'ן העכסטן פארנעם וואס איז שייך**, און עס האט נישט געהאט קיין פשט לויט זיין הויכער מדריגה אז ער זאל בויען א בית המקדש וואס דארט זאל מען זען השראת השכינה, ווייל די השראת השכינה ביי אים האט זיך בכלל נישט געוואנדן צי עס איז דא א מקום מקדש, א הייליגער פלאץ פאר איר צו רוען; די השראת ה' וואס האט שורה געווען אין ביהמ"ק איז געווען **אין אים און מיט אים** וואו אימער ער איז נאר געווען. דערפאר האט ער משפיע געווען פאר כלל ישראל די מתנה פון תשובה, אז אפילו היינט האבן מיר שוין נישט דעם בית הגדול והקדוש, מיר האבן נישט די זעלבע השראת השכינה, קען יעדער איד זוכה זיין צו דער אהבת ה' וואס מען האט געשפירט עין בעין אין בית המקדש, אויב מען גלייבט נאר אז דער אויבערשטער האט אונז ליב און וויל אונזער עבודה אין יעדן מצב וואס זאל זיך נאר נישט מאכן [זע תוספת נופך ג'].

ד

# השתוקקות ברענגט די גאולה

## דער מקום המקדש קען נאר אנטפלעקט ווערן דורך השתוקקות

נאכמער זעען מיר אין די ספרים הקדושים, אז כאטש וואס אין די צייטן פון גלות איז דא א גרעסערער הסתר פנים, מיט דעם אלעם, אויב איינער זוכט יא דעם אויבערשטן און ער קוקט ארויס אויף דער אהבה פונעם באשעפער, דאן קען ער זוכה זיין צו שפירן די אהבת ה' אויף גאר א שטארקן פארנעם, און אין א געוויסן זין נאכמער ווי ווען עס איז געווען איש על מחנהו ואיש על דגלו (עי' דברים נפלאים ב'עבודת ישראל' לראש השנה ד"ה כה אמר ה' זכרתי לך).

אין די צייטן פונעם בית המקדש האט **יעדער איד געוואוסט אז ער האט אן אפענע טיר צום טאטן אין הימל.** אויב האט מען אמאל ליידער עובר געווען אן עבירה און מען האט זיך געפילט דערווייטערט פונעם אויבערשטן, האט מען נאר זיך גערדארפט ארויסלאזן אויפ'ן וועג און גיין קיין ירושלים, וואס דארט האט די קדושה זיך געשפירט אין דער לופטן, און **מיט יעדן טריט וואס מען האט זיך דערנעטערט צום בית המקדש האט זיך די קדושה געהויבן און מען האט געשפירט אלץ העכער און העכער.** ווער רעדט נאך ווי נאר א איד איז אריינגעקומען אין הייליגן בית המקדש, און ער האט זוכה געווען צו מקריב זיין א קרבן פאר'ן אויבערשטן און מיטהאלטן דאס הייליגע געזאנג פון די לוויים און זיך צוקוקן צו דער עבודה נשגבה פון די כהנים, איז דאך נישט מעגליך געווען אז ער זאל נישט אויסגיין פון השתוקקות צום בורא כל עולמים. די קירבת אלוקים האט מען געקענט טאפן אין דער לופט!

אבער דער עיקר קירבת אלוקים וואס א איד האט זוכה געווען אין בית המקדש איז געקומען צוליב דער גרויסער השתוקקות. א איד האט געוואוסט אז **דארט רוט די שכינה!** און ווען מען איז געקומען א ווייטן וועג און מען האט געזען פונדערווייטנס די הויכע חומות פון ירושלים, האט דאס הארץ שוין געבענקט; אט, אט וועט מען זוכה זיין צו זיין ביים קעניג אין פאלאץ! אז מען איז אריינגעקומען אין עזרה, איז מען ממש אויסגעגאנגען צו זען דעם ליכטיגן פלאץ וואס א איד האט נישט געזען רוב צייט פון יאר (עיין 'אלשיך הקדוש' בשושנת העמקים על שיר השירים ג, י; 'קדושת לוי' פר' ויצא ד"ה אנכי; 'זרע קודש' תרומה, ד"ה א"י ויקחו לי תרומה; ועוד רבות).

## וויאזוי האט דוד המלך אנטדעקט דעם מקום המקדש?

חז"ל לערנען אונז אז די השראת השכינה איז געוואנדן לויט ווי שטארק מען איז משתוקק דערצו, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יב, ה): "לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ וּבָאתָ שָׁמָּה", און חז"ל דרשנ'ען אין ספרי: "דרוש ומצא ואח"כ יאמר לך נביא". דער פשוט'ער פשט איז אז עס ליגט א חיוב אויף כלל ישראל אויפצוזוכן דעם מקום המקדש צו בויען דארט דעם בית המקדש, אבער **אין א טיפערן זין זעען מיר דא אז כדי זוכה צו זיין צו השראת השכינה מוז מען דאס אויפזוכן,** מען דארף זיין א דורש ומבקש. דאס הייסט אז מען קען נישט סתם אנקומען אין בית המקדש ווי א באקוועמער איד און פילן די נאנטשאפט צום אויבערשטן, נאר מען דארף עס דורש זיין, מען דארף עס נאכגיין און נאכפארשן, ביז מען קומט אן צום ליכטיגן פלאץ.

דאס זעלבע זעען מיר ביי דער עקידה, אז דער אויבערשטער האט נישט געזאגט גלייך פאר אברהם אבינו וואו דער מעמד העקידה וועט פארקומען, **נאר נאכדעם**

# תוספת נופך

א] זע דאס לשון פונעם בעל התניא זי"ע אין 'תורה אור' (ויחי ד"ה חכלילי), וואו ער ברענגט ארויס ווי די דרגא פון ראיית עין בעין איז גרעסער פון יעדן אנדערן סארט אהבה צווישן אונז און דעם אויבערשטן:

"פִּי' עֵינַיִם הוּא מ"ש עֵינַי תָּמִיד אֶל ה'. הִנֵּה עֵין ה' אֶל יְרֵאָיו. **וְהוּא בְּחִינַת לְאִסְתַּכְּלָא בִּיקָרָא דְּמַלְכָּא, דְּהַיְנוּ שֶׁיָּאִיר בְּלִבּוֹ אוֹר הָאַהֲבָה לַה', בִּבְחִינַת רְאִיָּה בְּאַהֲבָה בְּתַעֲנוּגִים, וְשֶׁהִיא מַדְרֵגָה הָעוֹלֶה עַל כֻּלָּנָה לְמַעְלָה מֵאַהֲבָה רַבָּה וְאַהֲבָה עַצְמִי וְכוּ',** וּכְעִנְיָן שֶׁכָּתוּב עֵינַיִךְ יוֹנִים, **כְּמוֹ זוּג יוֹנִים שֶׁמִּסְתַּכְּלִים תָּמִיד זֶה עַל זֶה וּמִתְעַנְּגִים כו'. כָּךְ יִהְיֶה קֶשֶׁר הָאַהֲבָה בִּדְבֵקוּת נִפְלָא וְעָצוּם, עַד שֶׁיִּהְיוּ עֵינָיו וְלִבּוֹ כָּל הַיָּמִים רַק לְאִסְתַּכְּלָא בִּיקָרָא דְּמַלְכָּא.** וכמ"ש בְּזֹהַר עַל פָּסוּק הָסֵבִּי עֵינַיִךְ כו' 'דְּמוֹקְדִין לֵהּ בְּשַׁלְהוּבִין דִּרְחִימוּתָא', שֶׁתְּהֵא הָאַהֲבָה מִתְלַהֶבֶת וּמִתְלַהֶטֶת בְּלֵב אִישׁ, לְהִתְעַנֵּג עַל ה' מֵרֹב כֹּל, עַד שֶׁאֵין כֹּחַ בְּנַפְשׁוֹ לְהַגְבִּיל אֶת הָאַהֲבָה בַּלֵּב רַק בִּבְחִינַת רְאִיָּה מִבַּחוּץ, וְזֶהוּ עִנְיַן חַכְלִילִי עֵינַיִם. פֵּרוּשׁ אַדְמוּמִית הָעֵינַיִם, שֶׁאֹדֶם הָעֵינַיִם הוּא מֵחֲמַת תֹּקֶף רִשְׁפֵּי אֵשׁ דְּמוֹקְדִין לֵהּ בְּשַׁלְהוּבִיתָא כו'".

(זע אויך זיין לשון אין ספר 'ליקוטי תורה' שיר השירים ד"ה הנך יפה.)

ב] זע דאס ליכטיגע לשון פונעם 'חובת התלמידים' אין פרק ט':

"מַה נֹּאמַר וּמַה נְּדַבֵּר. שַׂעֵר נָא, **עֵינֵינוּ מִסְתַּכְּלוֹת בַּמָּרוֹם בְּעֵינָיו כִּבְיָכוֹל, וְהוּא יִתְ' מִסְתַּכֵּל בָּנוּ, וּכְבוֹדוֹ מִתְעַנֵּג מִן הַהִסְתַּכְּלוּת הַזֹּאת. כִּבְיָכוֹל, הָאָב וְהַבֵּן מַבִּיטִים זֶה בִּפְנֵי זֶה,** וּמִתּוֹךְ אַהֲבָה וּמִגֹּדֶל הַחִבָּה לֹא יוּכַל הָאָב לְהִתְאַפֵּק וְאוֹחֵז וּמְחַבֵּק וּמְנַשֵּׁק אוֹתוֹ הַבֵּן. הַלֵּב מִתְמוֹגֵג, וְהַנֶּפֶשׁ מִתְפָּרֶצֶת, מִתְלַהֶבֶת וְקוֹרְאָה, קֵל אָבִי, קֵל קְדוֹשִׁי, אֲנִי עוֹלֶה, אֲנִי עָפָה".

ג] זע דאס לשון פונעם הייליגן תפארת שלמה (מבוא השער, ד"ה במסכת שבת ל.) אז די סיבה פארוואס דוד המלך האט נישט געבויט דעם ביהמ"ק איז ווייל ער האט געהאט דעם ביהמ"ק אין זיך, און ער איז געווען איין שטיק השראת השכינה און בית המקדש:

"'וַיְהִי עִם לְבַב דָּוִד אָבִי לִבְנוֹת בַּיִת', שֶׁשְּׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הִתְנַצֵּל לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל **שֶׁבְּחַיֵּי דָּוִד אָבִיו לֹא הָיוּ צְרִיכִים לִבְנוֹת בֵּית הַמִּקְדָּשׁ כְּלָל, כִּי הָיָה מְקַדֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ וְכָל אֵבָרָיו עַד שֶׁנַּעֲשָׂה בִּבְחִינַת מִשְׁכָּן וְכֵלִים, וְזֶהוּ 'עִם לְבַב דָּוִד אָבִי' שֶׁהַבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה בִּלְבָבוֹ מַמָּשׁ,** וּבְהֶמְשֵׁךְ הַפְּסוּקִים שָׁם 'וַיֹּאמֶר ה' אַל דָּוִד אָבִי יַעַן אֲשֶׁר הָיָה עִם לְבָבְךָ לִבְנוֹת בַּיִת לִשְׁמִי הֱטִיבוֹתָ כִּי הָיָה עִם לְבָבֶךָ, רַק אַתָּה לֹא תִבְנֶה הַבַּיִת כִּי אִם בִּנְךָ הַיֹּצֵא מֵחֲלָצֶיךָ הוּא יִבְנֶה הַבַּיִת לִשְׁמִי', הַפֵּרוּשׁ הוּא כנ"ל שֶׁדָּוִד בְּעַצְמוֹ הִשִּׂיג הַמַּדְרֵיגָה הַנַּעֲלָה שֶׁל 'עִם לְבָבֶךָ', אֲבָל שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ שֶׁלֹּא הִשִּׂיג מַדְרֵיגַת אָבִיו דָּוִד, 'הוּא יִבְנֶה בַּיִת' יִצְטָרֵךְ לִבְנוֹת בַּיִת להשי"ת. וּלְפִי דְּבָרָיו יְבֹאֲרוּ הֵיטֵב דִּבְרֵי הַגְּמָרָא (שבת ל.) עַל הַפָּסוּק (תהילים פד, יא) 'כִּי טוֹב יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ מֵאֶלֶף' **טוֹב לִי יוֹם אֶחָד שֶׁאַתָּה עוֹסֵק בַּתּוֹרָה לְפָנַי מֵאֶלֶף עוֹלוֹת שֶׁעָתִיד שְׁלֹמֹה בִּנְךָ לְהַקְרִיב לְפָנַי עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ. כִּי אֵצֶל דָּוִד הַמֶּלֶךְ לֹא הָיוּ זְקוּקִים כְּלָל לְבֵית הַמִּקְדָּשׁ,** רַק אח"כ בִּימֵי שְׁלֹמֹה הָיָה צְרִיכִים לַמִּקְדָּשׁ וּלְהַקְרָבַת קָרְבָּנוֹת עַל גַּבֵּי הַמִּזְבֵּחַ עַל מְנַת לִזְכּוֹת לְהַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה".

**וואס אברהם אבינו איז געגאנגען דריי טעג מיט א געוואלדיגער מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט מקיים צו זיין דעם רצון ה' האט אים דער אויבערשטער מגלה געווען דעם פלאץ פונעם הר המוריה**, וואס דארט האט מען שפעטער געבויט דעם בית המקדש.

טאקע דערפאר האט דוד המלך זוכה געווען אז ער האט אנטפלעקט דעם מקום המקדש, ווייל **דורך זיין געוואלדיגן דארשט, זייענדיג פארווארפן אין די מדבריות און אנטלויפנדיג פון זיינע שונאים, האט ער ערוועקט אן אויסטערלישע בענקשאפט צום בורא כל עולמים**, און נאר אזוי האט ער געקענט זוכה זיין אז מען זאל אים מגלה זיין פון הימל וואו עס איז דער פלאץ וואס איז ראוי פאר השראת השכינה. אבער מיט דעם אלעם האט דוד אליין שוין נישט געדארפט בויען דעם בית המקדש, ווייל צוליב זיין גרויסער השתוקקות איז ער שטענדיג געווען מקושר צום באשעפער און האט געהאט דעם בית המקדש אין זיך.

## יעדער איד קען אריינברענגען השראת השכינה ביי זיך אין הארצן

הייינטיגע צייטן האט מען ליידער נישט דעם הייליגן פלאץ פון השראת השכינה, און מען קען נישט האבן די השתוקקות צו גיין צו דעם פלאץ פון השראת השכינה, אבער זינט דעם חורבן בית המקדש איז דא א נייער חיוב פון 'דרישה', ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיהו ל, יז): "**כִּי נִדָּחָה קָרְאוּ לָךְ צִיּוֹן הִיא דֹּרֵשׁ אֵין לָהּ**", און די גמרא לערנט ארויס (סוכה מא:): "דורש אין לה, מכלל דבעיא דרישה", אז דער נביא רעדט זיך אפ אז קיינער איז נישט 'דורש' נאך דער השראת השכינה, איז פשט אז מען איז מחוייב דאס אויפצוזוכן.

טאקע דערפאר, זייענדיג אין גלות, מוז יעדער איד וואס וויל זוכה זיין צו א התקרבות צום אויבערשטן זיך אליין מתבונן זיין ווי שטארק ער וויל נאנט זיין צום אויבערשטן, און דורך דער השתוקקות און צמאון צו קירבת אלוקים איז מען זוכה אז מען זאל אליין בויען א בית המקדש ביי זיך אין הארצן, וואס דאס איז שטענדיג מיט'ן מענטש, אזוי ווי חז"ל זאגן, "ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד".

דאס קומט נישט אן לייכט, ווייל **עס מוז דווקא צוגיין דורך שוועריגקייטן.** אזוי ווי ביים בנין בית המקדש האט דאס געמוזט צוגיין מיט א שטארקער השתוקקות און לאנגיאריגער שווערער ארבעט, און ווען א איד איז געגאנגען צום בית המקדש האט ער געמוזט גיין א לאנגע וועג, ווען די גאנצע צייט קוקט ער ארויס אוןווארט אז מען זאל שוין אנקומען צום בית המקדש, ווי חז"ל דערציילן אז די אידן וואס זענען געגאנגען ברענגען ביכורים האבן אגאנצן וועג זיך געפרייט און געזונגען און געשפילט מוזיק, ווארטנדיג בכליון עינים אז מען זאל שוין אנקומען צום הייליגן פלאץ.

הייינטיגע צייטן, ווען מיר זענען אין גלות, **אויב איינער איז זוכה זיך מתבונן צו זיין ווי שטארק עס פעלט אונז די קירבת אלוקים, איז די בענקשאפט צום אויבערשטן פיל גרעסער און שטארקער**, און לעומת זה איז כביכול דער אויבערשטער אסאך מער משתוקק אז מיר זאלן זיך דערנענטערן צו אים. דערפאר קען מען אסאך שטארקער צוקומען אז די שכינה זאל רוען ביי אונז אין הארצן, ווייל **הייינט איז דאך די בענקשאפט צום אויבערשטן אויסטערליש שטארק, ממילא לויט ווי שטארק מיר קוקן ארויס צו קירבת אלוקים, אזוי שטארק קוקט דער אויבערשטער צוריק** און ער איז משרה שכינתו בתוכינו (עיין 'דרך מצותיך' הוספה למצות טומאת מצורע ק"מ, ועוד רבות).

דאס איז וואס דוד המלך זאגט אונז אין תהילים (עח, ס): "ויטש משכן שלו אהל שכן באדם", אז ווען דער משכן אין שילה איז חרוב געווארן האט דער אויבערשטער געמאכט זיין 'אוהל' אין דעם מענטש. און ביי וועמען איז דער אוהל פון דעם אויבערשטן? ביי דעם איד וואס איז משתוקק דערצו! און הייינטיגע צייטן אז די שכינה איז כביכול אין גלות, איז דער צמאון צום אויבערשטן, ביי דעם וואס זוכט אים, אסאך שטערקער, ממילא קען מען זוכה זיין צו א שטארקערער השראת השכינה, ווי דער הייליגער חרדים זי"ע שרייבט, "בלבבי משכן אבנה".

## דער דריטער ביהמ"ק וועט געבויט ווערן דורך השתוקקות

יעדער איד ווארט אויף משיח, אבער לאמיר זיך מתבונן זיין אז אונזער גאנצע השתוקקות און ערווארטונג צו קירבת אלוקים – דאס וועט ברענגען משיח זאל שוין קומען און עס זאל שוין געבויט ווערן דער דריטער בית המקדש. לאמיר נישט פארגעסן אז **דער לאנגער ביטערער גלות איז נישט סתם עפעס א וואַרטזאַל וואס מען שטייט און מען ווארט אז דער 'אפוינטמענט' זאל שוין אנקומען...** דאס איז א ווארטן פון **השתוקקות**, דאס איז א צייט ווען מיר ניצן אויס יעדע רגע זיך מתבוננן צו זיין ווי שווער עס איז צו זיין דערווייטערט פון אויבערשטן און ווי גוט און ווי גליקליך עס וועט אונז זיין ווען מיר וועלן האבן א שטענדיגע השראת השכינה פון 'עין בעין יראו בשוב ה' את ציון'.

די אלע ביטערע נסיונות וואס מיר גייען דורך אין דער תקופה פאר משיח קומט איז נישט מער ווי א מיטל צו פארגרעסערן אונזער השתוקקות, וואס מיט דער השתוקקות וועלן מיר ברענגען משיח'ן. דורך **אט דער השתוקקות, און פון דער ערווארטונג וואס מיר בענקען** אזוי שטארק נאכ'ן באשעפער – פון דעם אליין ווערט געבויט איין ציגל און נאך א ציגל, ביז מען וועט ענדליך זוכה זיין אז דער **דריטער בית המקדש** של אש זאל אראפקומען פון הימל, בנוי ומשוכלל, נאכ'ן ווערן פארענדיגט פון די אלע לאנגע יארן פון השתוקקות וואס כלל ישראל האט זיך אזוי געבענקט נאך קירבת אלוקים.

## חסיד'יש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **אלע מצוות מעשיות קענען נאר געטון ווערן דורכ'ן מענטש אליין, ווייל דאס קומט ווייזן אויף דער אהבת ה' וואס איז פערזענליך פון אויבערשטן צו די אידן.**
- אין די צייטן פון דעם בית המקדש האבן מיר זוכה געווען צו דער מדריגה פון זען מיט די אייגענע אויגן די אהבה פון אויבערשטן.
- **אפילו הייינטיגע צייטן, ווען מיר זענען אין גלות, קענען מיר זוכה זיין צו שפירן אהבת ה' לויט ווי שטארק מיר זענען משתוקק דערצו.**
- אין די צייטן פון בית המקדש איז דער עיקר השראת השכינה געווען צוליב דער השתוקקות פון אידן צו דעם הייליגן פלאץ.
- **דוד המלך האט אנטדעקט דעם מקום המקדש, וויבאלד ער האט געהאט א געוואלדיגע בענקשאפט צום אויבערשטן.**
- דער עיקר חטא ביים חורבן בית המקדש איז געווען אז מען האט נישט אנערקענט אז דער אויבערשטער וויל די עבודה פון א איד אין יעדן מצב.
- **אין גלות קען מען אסאך גרינגער צוקומען צו שפירן אהבת ה', אויב מען איז באמת משתוקק דערצו.**
- דוד המלך האט נישט געבויט דעם בית המקדש, ווייל ער האט אויסגעלערנט פאר כלל ישראל אז אין יעדן מצב קען מען צוקומען צו השראת השכינה.
- **פון דער השתוקקות פון כלל ישראל זייענדיג אין גלות וועט מען ברענגען די גאולה שלימה.**

מכון שפה ברורה

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע רופט אדער שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com

ההפצה ב'בארא פארק'
נתנדב ע"י ידידינו העומד תמיד לימינינו
מו"ה **אליעזר דוד חיימאוויטש** הי"ו
לע"נ חי' שרה בת יקותיאל ארי' ע"ה